STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04490

DU

Malka Locker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לאָקער

דו

לידער

פאַרלאַג „יַם“

תל־אביב 1932

Printed in Palestine
All rights reserved

דפוס קואופרטיבי „אחדות” בע״מ, תל־אביב

„אַיֵּה אֶמְצָאֲךָ
וְאַיֵּה לֹא אֶמְצָאֲךָ?"

ווען איך קוק זיך איין
דור־דורות לאַנג נאָך אויף צוריק,
דערמאָן איך זיך אין פלוג,
ווי ס׳פלעגט מיין ברוינער פוס
זיך טונקען אין אַ טייך;
ווי אין מיינע טונקעלע האָר,
געקרויזטע, ווי די וואָל פון מיינע שאָף,
זיינען אויבלען נאָכגעהאַנגען,
איינגעפלאָכטן זילבערשפּאַנגען,
אויסגעשמידט ביים יונגן גאָלדשמידט
אין וואַרשטאַט.

און מיין קיטל דעמאָלט,
גראָבגעוועבטער טוך,
וואָס האָט האָריג איינגעהילט מיין ברוינעם גוף,
האָט אין הייסע טעג זיך האַמאַטנע געפּלאָנטערט
אַרום מיינע טריט,
און די ליפּן מיינע, טונקל־רויט ווי בלוט,
האָבן קרויז גערינגלט זיך און שטום געקלעמט,
און אויסגעפּאָרמט טעמפּ — —
דאָס ערשטע, טונקעלע: „דו״.

כ׳ גערזען אַ טונקעלן פונק
פון בייז און גאָט,
אינם אָפּגרונט פון אַ וואונק,
אין אַן אויסברוך אָן אַ סוד — —

יענעם פונק פון גאָט און בייז,
וואָס איז אַ טייל פון גאָט און ליכט,
אַ האַרטער בליק אין אויג פאַרגלייזט
און ווייכער אומעט, ווי פאַרציכט.

אַפילו אין כוואַליעס פון דיין גלות,
ווייך־בויגיג איינגעוויגט,
ברענט אַן אומרו פון פאַרראָט,
גליט דיין ליבשאַפט און באַגליקט.

ערגעץ ברענט אַ שאַרפער צאָרן
אַטאַוויסטיש אין דיין בלוט;
טליעט אַ חשק צו פאַרדאָרן
אַלע זאַפטן פון מיין גלות...

אויף פליגלען פון אַ האַלבן שלאָף
שוועב איך איבער פרעמדן לאַנד.
פלאַכע דעכער, ווילדער רוף,
בונטער צויבער און געזאַנג.

אויף ווייכע פליגלען פון אַ קלאַנג
מעסט איך אויס אַ לאַנגן וועג.
מדבריות, ים און ווייסער זאַמד׳
שטורמווינט און ווילד געיעג.

אין ווייסטע וואונדער פון אַ טרוים,
מיט מידע פינגער אויפן זאַמד,
דורשט און דו און גאָלדן זוים,
געמאָלטע צייכנס אויף אַ וואַנט...

— — — — — — — — — — —

אַ שאַרפער רוקן פון אַ פערד.
איך זיך איינגעקלעמט אין שוואונג.
ווילדער, וויכער און מיין שווערד
פון ווייסן שלייער בליצט אַ פונק...

איך געדענק נאָך, ברודער,
ווען די גלידער דיינע זיינען לויז געהאַנגען אין געלענק,
האָסט געדראַפּעט זיך פון צווייג צו צווייג,
געזוכט חיונה און פאַרבלייב...

האָסט דעמאָלט נאָך די לענדן דיינע קאָרג באַקליידט,
אַ בלאַנקער מעסער אין דער שייד,
אין די אויגן אַ פּאַזשאַר,
און איינגעביסן דיינע ציין
אין אַ פעל פון ברודער־וואָלף.

איך זע דיך אָנגעגאַרטלט
און געגרייט,
יונג און האַרט,
טרעטן שפּורן אין הייסן זאַמד,
אונטערוועגס צום נייעם לאַנד — — —

איך זע דיין לייב געהאַרטעוועט,
איילבערוין, ווי דאָס גאָלד פון גלוט,
בויגיג ווייך, ווי אַ רוט,
פלאַנצן ווייַן אין שפּאַלטן פון אַ באַרג.

איך הער פון ליפּן דיינע,

זיס ווי זאַפטן פון דיין פרוכט,
אַ ווילדן קלאַנג — — —
האַלב אַן אויסגעשריי
און האַלב געזאַנג — — —

דיין גבורה, רויע ערד,
רוישט אין פינסטער – פונק און פייער,
אַ דעמאָניש ווילדער צויבער
ברויזט אַ רויטן בראַנד – –

כ׳הער פון וייטן ווי משונה
גרוילט אַ דונער פון באַהאַלט,
כ׳זע דאָס פלאַקערן פון פאַקלען
אין אַ טונקל דיכטן וואַלד – –

שווער צו קוקן אין דיין צורה,
ס׳גליט צו פינסטער דיין געוואַלט,
און דער אימפעט פון צושטערן
ברעכט אַרויס פון יעדן שפּאַלט – –

כ'האָב געצירט מיין ווייס געצעלט.
הענגען קאָבריצן אויף ווענט,
אויסגעוועבטע אין די הייסע נעכט
פון מיין באַגער.

און צופוסן ליגן פעל
פון חיות ווילדע און פאַרציקטע,
פון געראַנגל און געיעג,
געטויט פון מיינע הענט —

און אין ווינקל שטייט אַ קאָפּערט,
דרינען ליגן אַלע זיידנס,
אין ליכט־קאָלירן און פורפורן,
כדי צו הילן מיינע גלידער,
ווען עס ווינקען דיינע שפורן.

און אין קעלער שטייען קוישן,
פול מיט שטאַרקן וויין,
אויסגעפרעסט פון שווערע טרויבן,
צוגעגרייט פאַר זיסע רוישן,
פון די וויינבערג פאַר מיין צעלט.

און אַרום מיין שטערן, ליבער,
ברענט אַ קרוין,
פרעסט און גליט
און לייכט ווי טרוים.

זיי זאָגן אַז דו ביזט אין וועג,
האָסט פאַרלאָזן בלוי און ברעג,
האָסט פאַרבלאָנדזשעט אומגעפרעגט?

געלאָזט זיך לויפן מיטן ווינט,
שטיין און שטראַל אין הינטערגרונד —
איבער תהומות אויף געשווינד?

געלאָזן אָפן טיר און טויער,
בריקן אַלע אָפגעריסן —
זעסט ניט פון דער ווייט אַ מויער?...

הייסט עס שוין, איך בענק נאָך דיר,
אויב אין גאַס אַ פרעמדער שריט
צויבערט מיר דיין גאַנג, דיין טריט?

הייסט עס, אַז איך הער דיין קלאַנג,
אויב איך שליס זיך איין אין זיך
און עס גייט מיר נאָך געזאַנג?

הייסט עס גאָר, איך האָב דיך ליב,
אויב איך זע דיך פאַר מיין טיר
און איך היט זיך אויס פאַר דיר?

איך פיל זיך זיידן ווען דו ביזט דאָ,
איך היל זיך איין אין זיך,
אַרום מיר שפינט זיך שטילסטע רו – –

כ׳שימער גאָלדן ווען דו ביזט דאָ,
ברוין־גאָלד מיט אַ מאַטן גלאַנץ,
פון וויטן שיינט אַ גאָלדענע שעה – –

כ׳זע זיך לייכטן ווען דו ביזט דאָ,
ממש ס׳בלענדט אַזוי פיל ליכט – –
לייכט דאָס אפשר – –
דו?

דו לאָזט מיך, ליבסטער, אין דער פינסטער.
ווייסט ניט, ווי כ׳האָב מורא פאַר געשפּענסטער
אין דער נאַכט.
זעסט ניט, ליבסטער, ווי איך ציטער
ווען ס׳ווערן אַלע ריגלען וואַך — — —
כ׳ווייס ניט, צי דו זעסט אפילו
טאַנצן שדים אויפן דאַך — —
ווען דו לאָזט מיך אין דער פינסטער
וואַרגן זיי... ביינאַכט.

ווי ס׳וואָלט זיך מַמש גיסן בליי,
ניט מיין בלוט וואָס בליט —
פרעסט אַ שווערקייט אין געמיט.

ווי כ׳וואָלט ניט פילן דיין באַגער,
ניט דיין ווילדן דראַנג —
נאָגן ספֵקות מיין פאַרלאַנג.

ווי דו וואָלסט געווען פרעמד,
פירט צו דיר ניט קיין שום וועג —
גלייך דו וואָלסט געווען פרעמד.

אַלע מיינע זינען, אַלע פאַרבן,
בענקען נאָך אַ ווידערקול אין דיר.
פלאַמען טונקל־רויטע גאַרבן
אין אַן אימפעט אָן אַ שיעור...

בלעטער זינגען, גלאָקן גלעקן,
פריי און ווילד אין וואַלד.
וואוקס און קלאַנג אַרויס פון כּלים,
קלינגען, ווי פאַרלאַנג.

ס׳וואַרט אַ סטאַדע בונטע שימערס,
כ׳קען ניט ציילן זייער צאָל.
דערזעסטו ניט דעם קלענסטן פלימער —
וויינט ער אויפן קול — — —

כ׳האָב געזען זיך לייכטן, ליבסטער,
בעת איך האָב געבענקט.
כ׳האָב געזען זיך גאָלדן־שטראַלנד
און איך בין געווען באַשענקט.

כ׳ווייס ניט, איז דען ווער דערגאַנגען
אָט דעם סוד אין מיין געבליט?
כ׳האָב געהערט פון ווייטן קלאַנגען
ציטערן אין מיין געמיט — — —

און אפשר האָבן מיינע ווענט
איינגעזאַפּט נאָך מער פון דיר?
רעפלעקסן ציטערן ווי הענט...

און אפשר האָט אַ יעדער שטיין
געציילט פון דיר אַ יעדן שריט,
בעת דו האָסט געוואָנקט אַ היים,
רויש פון בלוט אין יעדן טריט?

און אפשר האָט אַ יעדער בוים
זיך איינגעבויגן איבער אונז
און איינגעהערט זיך אין אַ טרוים?
— — — — — — — — — — —

גלייך ס׳וואָלט נעכטן נאָך געווען,
פּירט אַ גאַס אין וועג אַריין,
אויסגעלאָזט אַ טאָג.

גלייך ס׳וואָלט נעכטן נאָך געווען,
קלינגט פון מעש אַ געלער גלאָק,
אונטערגאַנג פון טאָג.

גלייך ס׳וואָלט נעכטן נאָך געווען,
זעט מיין טיר מיך איין־אַליין,
שליסט זיך און פאַרשטומט.

גלייך ס׳וואָלט נעכטן נאָך געווען,
גליט אַרום מיין קאָפּ אַ קרוין.
— — — — — — — — — — —
גלייך ס׳וואָלט נעכטן נאָך געווען — — —

זעסט ניט מיינע פאַרבן, ליבער,
ניט דאָס גאָלדן־גאָלד פון מיינע ליכט;
בלויז די קווייטן צווישן גאַרבן,
ניט די שאָטנס פון פאַרניכט.

אין די ווענט פון מיין געביי
וואַכן סטרונעס אויסגעשפּאַנט;
ווען דו גייסט פון ווייט פאַרביי
הערט זיך ווייגען און געזאַנג.

און דו הערסט ניט אַלע קלאַנגען
פון די האַרפן אין מיין צעלט;
ווי זיי ציטערן, פאַרלאַנגען,
ווי זיי גליווערן פון קעלט.

כ׳זוך דערגייִן דיך, צו דערפרעגן,
כ׳קען ניט זען דײַן נאַקעט דו.
כ׳מעסט אויס מײַלן־לאַנגע וועגן,
ס׳לאָזט מיר ניט קיין רו — —

ציִען סטעפּעס זיך פון ווײַטן,
כ׳וואַנדער אַלץ אויף מידע פיס.
לויפן לאַנקעס און פאַרבײַטן
מײַן פאַרלאַנגען אין קאַפּריז.

כ׳שרעק זיך ניט פאַר הויכע בערג,
לאָז די פליגלען אונטער זיך.
כ׳גיי מיט פּײַן מײַן שווערן וועג,
ווײַל איך מוז געפינען דיך — —

כ׳האָב דיך אַלץ געזען פאַרהאַנגען,
מיט געשלאָסענעם וויזיר,
בלוט און בלענדיק־רויט פאַרלאַנגען,
בעת איך בענק נאָך גאָט אין דיר.

אַלע גאַסן זיינען שטומע,
אַלע מענטשן פרעמד,
כאָטש עס ברויזט דאָ אַ מהומה,
כאָטש עס הילכן ווענט.

אין די גאַסן, אין די מויערן –
ערגעץ ביזטו דאָ.
כ׳זע פאַרשלאָסן אַלע טויערן –
ערגעץ ביזטו דאָ...

„מאָרגן, — ליבסטער, —
וואָס וועט מאָרגן זיין?"
האָסט דען אויסגעגליט אינגאַנצן
די אומענדליכקייט פון היינט?

היינט איז אייביג, מיין געליבטער.
שוועבט אַ כּוס געקאָוועט־זילבער
מיט אַ רונדן ראַנד פון גאָלד,
דרינען ציטערט ווייסער גליווער,
רויטע זשאַרן פון געוואָלט — — —

און בייגט פאַמעליך זיך צו נאַכט
דער גאָלדן ראַנד פון אונזער היינט,
בין איך מאָרגן ניי דערוואַכט
פאַר אומענדליכקייט פון היינט — — —

אַך, דו פרעגסט מיך אַלץ אויף מאָרגן,
גלייך דו זעסט ניט, איך בין רייך.
כ׳זע, עס זיינען דיר פאַרבאָרגן
שטראָם און זילבער און דער טייך...

מיינע גלידער גאָלדן־ברוינע,
און מיין לייכטער שוואונג
טאַנצט עלאַסטיש איבער תהום׳ען,
צינדט אַ פייער מיט זיין פונק...

אין מיינע אויגן שימערן הימלען.
הויך אויבן וואוינט דאָרט גאָט.
מיינע פינגערשפּיצן הויבן
אַלע שטערן אויסן טראָט...

און די ליכטער אין מיין האַרצן,
און דער צויבער פון מיין רוף,
און דער קלאַנג פון מיינע האַרפן,
און דאָס פייער פון מיין גוף — — —

פֿאַרשלאָפֿן קוקט ביינאַכט
מיין שפּיגל־בילד,
ווי פֿון טויזנט זיגלען.

ווער איך תּיכּף וואונדערוואַך,
הער זיך איין און בין דערשראָקן
ווי עס קלינגען האַלבער־נאַכט
ערגעץ פֿרעמדע, טעמפּע גלאָקן.

שימערט בלייך אַ טריב געזיכט,
גיסט זיך אויס אין גרינעם שפּיגל.
אַנדערע ווימערן נאָך אין ליכט
אַלע אונטער שלאָס און ריגל — — —

דערוויילע שפּינט זיך אַלץ נאָך נאַכט,
ווערט נאָך אַלץ געדיכטער.
ווער האָט מיך אַהערגעבראַכט,
און אויסגעלאָשן אַלע ליכטער?

כ׳בין וואַך געווען אַ גאַנצע נאַכט
און צוגעזען און האָב געטראַכט:
אַלע שאָטנס זיינען בלינד,
און זעען ניט, זיי זיינען שוואַרץ,
און מערן זיך אַזוי געשווינד,
און נעמען איין אַזויפיל האַרץ.

כ׳בין וואַך געווען פון זיך אַליין,
און האָב פאַרטיפט זיך איינגעהערט
אין שטומע קולות ווי פון שטיין,
וואָס האָבן אויך זיך אַלץ געמערט
און קרומע מיילער אויפגעריסן
און געהילעכט און באַשווערט.

געוואָיעט האָט אַ קראַנקער ווינט,
צו מיין פענסטער זיך געקלעבט,
געווימערט אַ געשלאָגן קינד,
און אין האַרצבלוט איינגעוועבט.
זיינען מחנות אָנגעריטן,
מאָדנע אויסשטאַפירט.
ספקות האָבן טיף געשניטן,
בלוט האָט טראָפּנווייס געטריפט...

כ'שלייך זיך שטיל אויף פלאַכע זוילן
און אַ בויגן אַרום מיר.
כ'האָב זיך ערגיץ־וואו פאַרלוירן
און געפין ניט מער מיין טיר.

כ'האָב זיך אַלץ געמאַכט סימנים,
כדי ניט בלאָנדזשען אויפן וועג.
ערגעץ זיינען זיי אַנטרונען
און פאַרלוירן אין געיעג...

ס׳וואַנדערן וועגט און וואַרפן שאָטנס,
שפּינען שלייערס אַרום מיר.
איך זוך מיט ליכט אַ שפּאַלט פאַר זיך –
שטעלן וועגט זיך פאַר מיין טיר.

פון יענער זייט פון אַלע וועגט
שטייסטו שטום און פרעמד.
איך לעש די ליכטער אין מיין צעלט –
ווייזט זיך ווייט דיין שילד אין פעלד.

איך זוך דיין דו מיט פאַרב און טונקל
און איך שרעק זיך פאַר אַ ריר.
אַ ווילדער וויכער ברויזט פון ווינקל –
שטייט דיין אָפּבילד פאַר מיין טיר.

ביין, איך וויל זיך מער ניט ראַנגלען
מיט פאַנטאָמען פון מיין בלוט.
איך וויל טראָגן ליכט און שאָטן
מיט מיין האַרבן, שטילן מוט — —

ווען עס וויגן זיך אין אַנגלען
די געוויכטן פון מיין זיין,
און דערשיטערן אין קרייזן
זאַפט און ערד אין מיין געביין —

וויל איך טרינקן און באַרוישט זיין
פון ווייטסטן בויגן אין מיין שוואונג,
אַפילו ווען ער רירט אין ברויזן
טונקעלע טיפן אויף פון גרונט.

נאָר ניט בלייבן שטיין אין וועג.
אָפּן האַלטן אויג און אויער.
זען אַטאָמען, פילן קלאַנג,
הערן קרייזן ווייט פאָרויס,
שאַרפע ווינטן און ציקלאָנען
און פליגל־פליען פון אַ הויך — —

הערן רוישן פעלקער, ראַסן,
קראַפט און טויט־שרעק אונטערוואָרפן,

אימפּעט און געזעץ,
זען ווי ס׳ציטערן די גאַסן,
ווען ס׳קלאַפּט די ערד,
אין אורבאַוועגונג — ברעכט!

פילן פאַרבן און קאָלירן,
אורגעוואַלט און אורפאַרלאַנג,
און די גרויסע, ווייטע איינהייט,
און אומענדליכקייט און קלאַנג — — —

פאַרוואָס לייכטן אַלע ליכטער
ווען דו ווייזט זיך נאָר פון ווייט?
פאַרוואָס ווערן בלויען טיפער,
שטערן נענטער און געצייט?

אַפילו זשאַווער פון די הערבסט־טעג
פאַרבט זיך גאָלדן, ווען דו קומסט.
דאַליעס שטראָמען רויטסטן פייער
אויף דיין סאַמע קלענסטן וואונק.

זייט ווען דען זיינען צויבער פּלוצים
אַלע גאָר אין דיין רשות?
פאַרוואָס לאָזטו זיי נאָר בליצן
ווען דו הערסט פון ווייט מיין גרוס? — —

ס'איז געצויגן אַ טונקעלער מויער אַרום מיר
און פאַרשטעלט מיר ליכט און שטראַל.
פילסטו ווי איך פריר?...

כ'בלאָנדזשע אין אַ וואַלד פון פינסטערניש
און מיינע וואונדע שלייפן רייבן זיך
אין האַרטער קאָרע פון אַ יעדן בוים.
און ערגעץ שפּרינגען אַלע רייפן — —
ערגעץ הער איך שטראָמען איבערגיין — — —

גאַנצע מַחנות ווייסע חֶברה
דראַפּען זיך אויף גלייכע ווענט.
כ׳האַלט זיי אַלץ נאָך פון דערווייטנס,
כאָטש זיי שטרעקן הענט.

איך קוק זיך איין נאָר פון מיין ווינקל
ווי זיי גליטשן זיך ביזאַר,
ווי זיי טרעפן אין דער טונקל
אַלע סטרונעס פון מיין צַער — — —

און זיי ווערן אַלץ נאָך מערער.
דאַכט זיך צוגעשלאָסן פעסט מיין טיר —
פון וואַנען האָבן זיך גענומען
ווייסע שֵׁדים אַרום מיר?...

מַצֵבָה

איך האָב באַקראַנצט דיין בלייכן שטערן
מיטן גאָלדן בלאַטווערק פון די ווייַנבערג
אין דער הויך –
ביזט געווען געקרוינט – –

כ׳האָב געצירט דיין ברוסט
מיט די צירונג פון מיין זעל,
מיטן פייער פון מיין לוסט –
דו ביזט געווען באַשיינט...

און די גלידער דיינע
האָב איך איינגעהילט אין די פורפורן,
אויסגעבערעמט מיט זילבערזוים
פון אַ העלן קינדערטרוים – –
– – – – – – – – – –

אַראָפּגעגליטשט זיך ערגעץ
צירונג און פורפורן.
די קרוין פאַרוויעט לאַנג שוין מיטןווינט.
עס שטייט פאַר מיר אַ נאַקעט הוילער שטיין.
איך שרעק זיך, ווי אַ קינד...

ווייטאָג

כ'בין געווען אינגאַנצן דיין,
דו ווילדער וויי.
כ'האָב זיך ניט געוועָרט.
איינגעשפּאַרט מיט דיר אַליין,
האָסט געוועלטיגט איבער מיר.
איז מיר דען נאָך מער באַשערט?

דיין חדר מיוחד איז מורא'דיג טונקל,
כ'האָב זיך ניט געוועָרט.
דיין דעמאָן – אַ בלייך געשפּענסט,
וואָס נעצט די ווילן אין דער פייכטקייט
פון א וואונד.
איז מיר דען נאָך מער באַשערט?

דו ביזט אַ רויער, קאַלטער האַר,
כ'האָב זיך ניט געוועָרט.
אַלע פונקען פון מיין צַער
האָבן אויסגעהויכט דעם לעצטן טאָן פון פּיין,
און אויסגעלאָשן יעדן שיין.
איז מיר אַלץ נאָך מער באַשערט? – –

אַ קליינער שאָטן אויפֿן ברעג
וואַקסט זיך אויס אין אַ געשפּענסט,
אין אַ ליילאַך שווערן שרעק,
און פּרעסט — —
מיט בייניגע הענט...

שוואַרץ און ליידיג ווי פֿאַרשטאַרצט
גלאָצט דאָרט טונקעלער תּהום.
כ׳מאַך זיך פֿלומרשט ווי באַהאַרצט
ווען פֿון שפּאַרעס שלייכט זיך קוים,
גליטשט זיך שאָטן און קאָשמאַר.

ווער ביזטו, בלייכער שאָטן, ברודער,
מַמָשות דו, אָן פאָרם, אָן געריסט?
וואוינסט אין מיר?
וואָגלסט זיך מִחוץ?
וואַכסט? וואו ביזטו איצט?
מיך וואַרגט אַן אימה:
וויפֿיל אויגן גלאָצן דאָ פֿאַרציקט! — — —

כ׳האָב געפּרובט זיך בּיטער ראַנגלען
אין מיין ווילדן פּיין.
כ׳בין פאַרקלעמט פון דיר געגאַנגען,
כּדי צו ווערן דיין.

האָסט אַליין מיך אויסגעלערנט, —
דו ביזט אומעטום.
כ׳האָב דיך ערגעץ דאָך דערצערנט,
און איך בין געווען פרום...

האָסט זיך געגעבן צו דערקענען,
גרויסער גאָט..
געווען אומגלייך די כּלי זַיין —
שווער מיין טראָט...

גרויסער גאָט, דו מעסט מיך אַלץ מיט דיינע מאָסן.
און דיין שווערד־שניט צינדט אין פלוג
אַ העליש פייער פון מיין גלוט, —
לאָז מיך ניט אַליין...

דו האָסט מיט פלאַמען מיך געבלענדעט,
דו זעסט ווי ס׳וואַנקט מיין פוס
איבער אַלע בערג און ווענט,
ווי עס ברענט פון פיין מיין בלוט —
לאָז מיך ניט אַליין...

פרוב מיך ניט מיט אַלע שפּיזן פון דיין צאָרן,
כ׳פיל דיין דינסטע רוט,
און אין נאַקעטע זוילן יעדן דאָרן
וואָס וויל פאַרוואונדן קראַפט און מוט —
לאָז מיך ניט אַליין...

איך ווייס דאָך גאָט, דו ווילסט מיך פּרובן,
ווען דו שיקסט מיך אויף די וועגן פון נִסָיון
און פאַרציכט.
איך פיל דאָך, גאָט, דו וועסט מיך היטן
אויב עס וועט מיין פוס זיך גליטשן אויפן גלאַט־אייז
פון פאַרניכט.
האָסט מיך רייך באַשענקט מיט פליגלען —
וואָס טוען קייטן פאַר מיין צעלט?!
איך מוז מיין ווייסע טיר פאַרריגלען —
איך זע זיך ציטערן פון קעלט — — —

גרויסער גאָט, דו זעסט מיך ווידער,
נאָר געבלענדט נאָך פון דיין ליכט.
כ׳בין מקבל דיינע פּרובן,
כ׳זע דערביי נאָר אייביק דיך.

כ׳ווייס ניט צי כ׳האָב אויסגעהאַלטן
דעם נסיון מיט דיין רו.
כ׳בין געווען דיין איינגאַנצן,
אָפּטס בין איך געווען דו...

שווער צו דינען און געוועלטיקן,
סכנות לויערן אויף יעדן בריק.
כ׳בין מקבל דיינע חסדים —
גיב מיך ווידער מיר צוריק.

כ׳קען ניט זאָגן, האָסט געלאָזט מיך
בלאָנדזשען מיטן ווינט.
ס׳האָט געלויכטן דיין התראה,
אַ בלויע פלאַם,
און געוואָרנט ווי אַ קינד...

כ׳קען ניט זאָגן, געווען איז פינסטער,
בלינדער חושך אין אַ הייל.
ס׳האָבן ליכט זיך אַלץ געצונדן
און געוויזן אויף יעדן שטעג
שרעק און וועג...

כ׳האָב זיך איינגעהילט אין שלייערס,
געפּרובט דיך זוכן אין דער פרעמד.
כ׳קום צוריק צו דיר און ציטער,
כ׳קום צוריק מיט היילע הענט — — —

כ׳האָב געטובלט מיינע גלידער
אינם נאַכטיק־קילן זילבער
פון אַ קוואַל —
איך בין געגרייט.

געזאַלבט מיט גאָלדן אייל די זוילן,
גיי איך לאַנגזאַם דיר אַנטקעגן,
נֵס פון יונגן טאָג,
און בין מקנא יעדן שריט.
איך בין מחדש אַלע נעכטנס אין דערוואַרטונג —
איך בין געגרייט.

דאַנק דיר פאַר דיין ליכט,
און פאַרן ליכט פון מיינע אויגן,
פאַרן וואַך־זיין פון די חושים,
פאַרן שפּילן פון די זינען,
פאַרן בלינדן ווילדן כּוח פון מיין בלוט.

פאַר מקבל זיין און שענקען,
פאַר מיין קול, וואָס מישט זיך מיט דיין קלאַנג
אין עבודה און געזאַנג
פון היינט.
איך גיי אַנטקעגן דיר,
דו בענקשאַפט און דערפילונג,
איך בין געגרייט — — .

איך בין זיך מודה, אַז כ׳האָב מורא
און מיך שרעקן יענע מאָסן
וואָס דערגייען ניט מיין דֵעה,
וואָס דערגרייכן ניט מיין זין.

איך בין זיך מודה, אַז כ׳האָב מורא,
ווען איך זע זיך איינגעשלאָסן
אין טויזנט קשיות און פֿאַרוואָסן,
איינגעקלעמט אין האַרטן דין — —

הַכֹּל הֶבֶל, בלאָסער אמת
אָפּגענוצט און עטוואָס קראַנק.
אַלץ איז חָשוב, איז אַ רֶמז
אויף סַך־הַכֹּל, אויף דיין גאַנג. — —

פון וואַנען בלאָנדזשען צאָלן, צאָלן,
און וויפיל שטערן, יאָרן, יאָרן,
אַזוי פיל וועלטן נאָך מער קלאַנג? —
איך בין זיך מודה, אַז כ׳האָב מורא — — —

דער שווערער פאָרהאַנג פון וועלור,
זוימט זיך מיט אַ בלייכער שפור
פון ווייסן ליכט.
די נאַכט האָט אויסגעגליט,
מיט אַ לעצטן זיפץ איינגעגאַנגען
אינם תהום פון אַלע נעכטנס,
איינגעזונקען...

איך ליג נאָך אַלץ אויף מײַנע קני,
וואָס זיינען וואונד פון קאַלטן שטיין
און וואַרט אויף דיין באַשייד —
גאָט.

האַלט עס ניט פאַר אַ העזה,
אויב איך פיל זיך פאַר אַ ציפער
אין דיין צאָל.
דו האָסט אַליין מיר אָנגעוויזן
די גרויסע פּשטות פון אַמאָל.

האָסט מיך אויסגעלערנט:
— אַלץ וואָס איז באַדייט —
ביזטו.
האַלט מיך ניט צוריק.
שטעל ניט אויף קיין ווענט פאַר מיר
אויף מיין שווערן וועג צו דיר — — — —

לעש ניט אויס פאַר מיר די נאַכט,
גרויסער גאָט.
לאָז מיך גיין אין ברייטן טראַקט
פון דיינע דרָכים.
דו ווייסט דאָך ווי איך ציטער,
ווען איך טרעף זיך מיט אַ וואַנט
פון דיינע שאָטנס.
לעש ניט אויס פאַר מיר די נאַכט — — — —

בעת עס גייען דיינע וועלטן
פון טונקעלע פלוטן אָנגעצויגן
פון דער נאַכט,
אין ווייטע בויגנס דיינע קרייזן,
וואו דו ביזט שטענדיג אויף דער וואַך —

לאָז מיך ניט אַליין צוריק,
לאָז מיך האַלטן שריט אין ראָד,
איינגעבבעט אין גרויסער וויג
פון ריטם
— — — — — — — — — —
לעש ניט אויס פאַר מיר די נאַכט — — — —

דו האָסט מיך אָנגעפּילט
מיט אַלע קלאַנגען פון דיין פּראַכט, —
הענג איך שטיל, אַ גאָלדן האַרף
אין דיין געצעלט פון נאַכט,
און וואַרט — — —

דו האָסט פאַרפּלייצט די ליכטער אַלע
פון דיין גאָלד —
ליג איך טיף געבלענדט פון דיין ליכט און גלוט
און בין געבענטשט — — —

דאָס זיינען דיינע סודות, גאָט,
וואָס רייסן זיך צו דיינע ליכטער.
כ׳בין מגלה דיינע חסדים,
כ׳בין ביי דיר אין האַנט — — —

כ׳בין דיין כּלי נאָר,
וואָס קלינגט דיין קלאַנג
און שווייגט — —
אויף דיין פאַרלאַנג.

הײנט בײנאַכט צום ערשטן מאָל
האָט גאָט געבענטשט דײַן שטערן
מיט מײַן ליבע, מיט מײַן ליכטיקײט.
קלײנע זיסע זילבערטרערן
האָבן שימעריק געפּערלט,
בעת דו האָסט זיך אײַנגעבױגן
און דײַנע בײדע קלאָרע אױגן
אײַנגעברענט אין מיר — — — —

האָב איך רױטע אַנעמאָנען
אײַנגעפלאָכטן אין מײַנע טונקעלע האָר,
און מײַן גאָלדן גוף
געברױנט פֿאַר דיר אין טױזנט זונען.
כ׳האָב זיך אײַנגעהילט אין אַ פּורפּור
און זיך אײַנגעהערט פֿאַרטיפֿט,
װי ס׳האָט דײַן ליד
פֿון ליב און לײד געטריפֿט — — —

גאַנץ רונד האָט מיין פלאַכע האַנט
זיך אויסגעבויגן
ווי אַ כּלי,
און העלע פלאַמען איינגעזויגן
פון דיין זעל,
פון דיינע ביידע אויגן — — —
לייכט מיין האַנט דערפון,
ווי אַ געפעס געפילט מיט גאָלדן ליכט.
און איך טראָג זי ווי אַ הייליגטום,
וואָס איז מסוגל ווי אַ זון
צו בענטשן און באַפרוכפּערן
די ערד.
— — — — — — — — — — — —
און איך גלי דערפון — — —

איך בין נאָר אַ געפעס,
אויסגעטאָקט פון ליים,
אַ שטיק זאַפטיג־ברוינע ערד,
אָפט — אַ האַרטער שטיין. — —

איך בין נאָר אַ געפעס,
אָפט אַ קלאַנג נאָר פון אַ דור,
אַ ווייסער זילבער־כּוס,
אַ רֶמז אפשר גאָר? — — —

איך בין נאָר אַ געפעס,
אַ בלאַנקע כּלי מיט אַ קלאַנג.
כ׳קלינג צומאָל ווי אויף געהייס,
ווי פאַרוואונשן לויבגעזאַנג. — — —

איך בין נאָר אַ געפעס.
ווער ווייס וואו איך געהער?
אָפט אַ יונגער בוים,
צומאָל אַ ווילדע מער. — — —

נאָר אין פאָרן פון געוועב
דרינגען קראַפט און זון.
ברויזט אַ שטורם פון דער ווייט,
ברענט מיין בלוט דערפון. — — —

אַ גאַנצע נאַכט שטייט אַ מַלאך פאַר מיין בעט
און וואַכט.
איך בין דערשראָקן פון דער זכיה.
דעמאָלט ווין איך עס פון שלאָף:
טאָמער נאַרט מיך גאָר מיין ראִיה?
אפשר שרעקט מיך חשַד צום סוף?

איך היל זיך אין דיין הייליגטום
און וועל ניט אויסגעבן דעם סוד
פון דיין קדושה.
בלויז נאָר פונקען פון דיין פייער פליען.
איך קען זיי ניט פאַרטיליגן.
און זיי גליען — — —

פון טאָג צו טאָג אין די פאַרוואַנדלונגען
ווערט און וואַנדלט זיך מיין איך.
אין שווינגען, קרייזן און אין האַנדלונגען
טאָקט זיך אויס מיין ניי געזיכט.

נאָר דער אויסגאַנג איז דער אייגענער,
פאַר אַלע וועגן פון מיין טור,
און דער אָנקום שוין געזעגענען —
ביים דערגיין אַ נייע שפור — — — —

אין ווייכע וועלן פליט די נאַכט
אויף בלויע פליגלען איבערן טאָל,
לייגט פאַמעליך זיך, גאַנץ זאַכט,
אויף בליען און אויף טוי־קרישטאָל.

איך שלייך זיך דורך אַ הינטערטיר
און וויקל זיך אין בלויע טיכער
פון טיפן טונקל אַרום מיר.
פון ווייטן קומט אַ ווילדער וויכער.

און איז נאָך נענטער צו דער נאַכט
ווי איך צום מיטן העלן טאָג,
קושט זי ווען איך בין פאַרטראַכט,
פייפט אַ ניגון ווען איך קלאָג.

די נאַכט איז שווער און אָן אַ שיין
נאָר קלאַנגען הער איך אָן אַ שיעור.
איך ליג גאַנץ ווייך אויף בלאַנקן שטיין,
איך היל זיך איין אין איר — —

און שעם זיך ניט און זאָג אַלץ אויס,
וואָס איז פאַרבאָרגן נאָך פאַר מיר.
געליבטער דו, וואו איז מיין הויז?
איך בין פאַרווירט – איך האָב דיך ליב — —
איך פיל דיין אומרו, זוך דיין דו — —

אַך, עס ציט זיך אַ מַהלך
צווישן דיר און מיר.
פון טאָג צו טאָג וואַקסט אויס אַן אָפּשטאַנד,
שרעקט מיך אָן אַ שיעור.

ווי ווייט דו ביזט און פרעמד!
ווען איך גיי דיר נאָך אַקעגן —
שטרעקן אויס זיך הענט,
האַמעווען דעם וועג, לאָזן ניט צוריק.

זעסט, איך בין פאַרווירט,
כ׳ווייס אַליין ניט צי איך בענק.
ס׳לויפן וועגן אַלץ אַנטקעגן —
דער צו דיר אַנטלויפט.

כ׳ווייס ניט צי איך בענק — — —

טרעפט אַמאָל זיך אויף מיין וועג,
אַז עס ווערט צו שווער מיין גאַנג,
מיט בליי געוואויגן יעדער שריט
און מיד געהונגערט מיין פאַרלאַנג...

שטיי איך פאַר אַ פרעמדן טויער,
הינטער מיר אַ ווייסע וואַנט.
זיילן האַלטן שטום אַ מויער.
אויסגעהאַמערט שווערע שטאָל
הענגט אין אַנגלען
בלוי אַ טויער.

אין אַ וואָרף־געשפּאַנטן בויגן
וואַכט אַ לייב, אַ רינג אין מויל,
שלאָס און ריגל איינגעצויגן
און פאַרצויבערט אין זיין צוים — —

באַרירן מיינע פינגערשפּיצן
ווי פאַרלאָרן שלאָס און ריגל,
און פאַמעליך, אָן אַ שאָרך,
עפנט זיך אַ שווערער זיגל.

איך שטיי געבלענדט פאַר נייעם לאַנד,
שפּרייט אַ טויער זיך פאַנאַנד — —

גייען ריגלען לאַנגזאַם צו,
און פֿאַר מיר אַ ווייטער וועג,
אָן רו,
און ביים ברעג —
אַ ווייסע וואַנט — —

פאַרזאַמט אַ מאָל מיין קליינער שריט
פון צייט דעם שטילן טריט,
שטייט אַ וועיזער פון דער ווייט,
פיל איך אַ פאַרבייט...

פאַרלירט מיין גוף
דעם שטאַרקן בונד
מיט מוטער און מיט ערד —
הער איך פון דער ווייט אַ רוף
וואָס איז אין מיר,
נאָר מיר — — — פאַרווערט.

כ׳האָב באַגעגנט מיינע לעבנס
אויף אַ קרייצוועג האַלבער נאַכט,
אַלע אויף אַנדערע מיני וועגן,
פאַרוואָרפן אויף אַ פרעמדן שליאַך.

כ׳האָב זיך איינגעקוקט פאַרציטערט
אין אַלע מיינע טונקעלע איך׳ס.
זיי זיינען אַלץ נאָך ניט פאַרגליווערט,
מאַנכע בליען שטיל אין זיך...

כ׳האָב זיך ממש ווי דערשראָקן,
שיַין און שימער האַלבער נאַכט.
ווער האָט גערופן מיינע נעכטנס
בעת מיין היינט איז אומבאַוואַכט?...

װען איך ווייס ניט, אַז איך וויג זיך
אין דער בלויקייט אָן אַ נאָמען,
ווען איך פיל ניט, אַז איך שוועב,
ווען עס זינגען אַלע שטראָמען
פון מחוץ אין מיר פאַרוועבט —

ווען איך פיל ניט מיינע פליגלען,
אויף די פליגלען פון פאַנטאָמען,
ווען איך פיל ניט אַז איך בין —
דעמאָלט שווינגט מיין ווייטער דמיון
אויסגעלייזט פון זיין און זינען,
אויפגעלייזט — און אָן אַ זין...

דעמאָלט בין איך טייל און גאַנצקייט,
דעמאָלט האָב איך היים און הויז,
דעמאָלט בין איך אַלע נעכטנס,
און די מאָרגנס מיר פאָרויס...

איך פיל דיין ליכט — — —
פון דאַנען נעמט זיך עס
די גרויסע פינסטערניש אין מיין געצעלט.
און די שווערע שיכט פון שאָטן
אויפן ווייטן ברעג פון וועלט,
אין די גרעניצן איינגעקלעמט — —

עס איז די ענגע ראַם,
דער צוים,
צוגעשניטן פאַרן קליינעם סכום,
פאַרבאָרגן אין דער שוואַכער מידה
פון דערקענען,
פון זוכן אין אַ תהום,
אין רוים — —

איך פרוב דערשטאַרקן אַלע כוחות
כדי ניט זיין געבלענדט,
פון די נר־תמיד־ליכט,
פון די פלוצימדיגע בליצן
אינמיטן נאַכט אין דיין געזיכט,
און מיין זוכן זיך אין דיר
און די גרויסע פינסטערניש
אין מיר — — —

עפן אַלע טויערן, גאָט,
און דיינע אייביקייטן איבער מיר,
און די מויערן פאַר מיין טראָט,
בעת מיין ראַנגלען זיך צו דיר — — —

דו – ווידערקול און ווידערשיין,
דו – „דו" און רוים פאַר מיר,
מיין גלאַנץ און גליען – דו,
מיין ווילדער אויפריר,
און מיין שיר – – –

איך בין דערשיטערט, ווייל דו ביזט,
פונם וואונדער פון דיין גוף,
פון אָרגאַנישן געגלוסט,
פון דיין בליענדיגן רוף,
פון די טריבן טיף אין דיר.

איך בין באַוועגט,
פון געשלאָסנקייט פון פאָרם,
פונם נֵס פון אַלע גלידער,
פונם איבערמאָס און נאָרם,
פון מיסטעריום, פון פיבער.

איך בין דערשראָקן,
איך בין פאַרשעמט –
פון לײַב און לעבן,
טויט און תאוה.
איינציג נאָר און איינס
און טיף באַליידיגט ברענט

מיין חשיבות –
פון דער אָנמאַכט פון פּטירה,
פון דער שאַנד פון אונטערגאַנג,
פון בלייכער בושה פון פאַרניכט – – – –

דו!...

וועלט און גאָט איינגעשלאָסן מיר
אין די ווענט פון דיין געביי.
אַ פּרוכת, גאָלד און סאַמעט —
הילסטו איין אין דינע פאַלבן
זיין קדושה, — —
דיין קראַפט און רצון
אין דיין ברוסט — —

אַלע וועלטן אינקאַרנירטע
אין דער ווייטקייט פון דיין זעל.
סוד און אימפּעט אין די גלידער,
אינם ריטם פון זיין ציל —
דו, טונקעלער קלאַנג,
ליבשאַפט דו!
דו — פייער און זיין פלאַם,
דו — פאַרניכט און נייגעבורט.
שִיר הַמַעלות און אֵין סוף!

איך לייכט פאַר דיר אין הייליג־שטילן גליען,
אַ העלער שטראַל פון דיין פאַרבאָרגן ליכט.
זיי מיט מיר, דו טייל פון מיר,
דו — איך!
איך בין אין דיר און בענק — —

איך בין דו אַליין און ס׳ציט מיך אַלץ
צו דיר.
לאָז פאַרגיין מיך אין דיין גלוט,
געליבטער, גאָט,
אומענדליכקייט און וועלט
פאַר מיר —
דו!

גרויסער גאָט פון סוד און גורל,
כ׳פיל דיין שטאַרקע האַנט זיך נייגן איבער מיר;
ס׳גליט אין מיר אַ פונק פון שורש
וואָס קען נאָר זיין אַ פונק פון דיר...

ס׳איז דיר זיכער ניט פאַרבאָרגן,
ווי כ׳האָב מורא: דו ביזט גרויס.
יעדן טאָג דערוואַכט אַ מאָרגן
מיט נסיונות אין זיין שויס — —

דו זעסט דאָך, גאָט, איך מוז דיר דינען
בעת איך ברען, אַ פלאַם נאָר פון דיין סוד.
דיר צופוסן זע מיך קניען
אין עבודה צו דיין גנאָד.

איך בין ערגעץ לאַנג שוין אונטערוועגנס,
מיטגענומען נאָר מיט מיר,
סוד און קלאַנג און אַלע זיידנס
און דעם שליסל צו מיין טיר — — —

ווילסט מיך אָפּהאַלטן פון וועג?
ס׳בויערט ווילד דיין הייסער בליק.
איך בין באַגליקט, איך בין געקוועלט,
איך בין צו ווייט, צו גיין צוריק...

ווי שווער עס קלעבט זיך אָפּ אַ שריט
פון ערד און דיר, דו שאַרפע רוט,
צוגעשמידט אַ יעדער טריט
מיט שווערע קייטן פון דיין גלות.

אויסגעגלייזט פון גאָלדן ליכט
אַ ווייסן כּוס,
לייכט ער ווי אַ העל געזיכט
צומאָל ביינאַכט, צו חצות — —

איך האַלט אין האַנט אַ זילבער נַס
און שעם זיך פאַר זיין שיין.
איך בין זיין האַר און דין
און ווער פאַרציטערט, בלאַס,
פאַר אַ יעדן מין
פון מעגליכקייט
אין אים — —

אָפּגעטעמפּטע די קאָלירן,
איינגעפּרעסט זיי אַלע אין זיך,
איך לאָז פאַרריגלען אַלע טירן
ווייל איך מוז דערגיין צו זיך — —

שטילסטע פלוטן פון מיין שווייגן —
איר האָט פאַרפּלייצט מיין קליינעם צעלט.
איך זע מיין שאָטן זיך באַוועגן
אין אַ משונה פרעמדער וועלט.

דער קליינער פינגער אויף די ליפּן
שטיל — איך מוז זיך זען;
עפּעס האָט זיך דאָ פאַרביטן,
עפּעס איז דאָ ניט געווען — —

איך גליטש זיך לאַנגזאַם דורך די רֶגע׳ס
ווי אַ שימער פון מיין ליכט.
פאַלן רויטע, רונדע טראָפּנס
און פאַרוועבן מ׳יך געדיכט.

וואַרטן רֶגע׳ס פאַר מיין צעלט־טיר,
גליען אויס מיין צייט.
כ׳היל זיך שטיל אין ווייסע זיידנס,
כ׳הער דיך גאָר פון ווייט...

דער האַרטער פּאַרמעט פון מיין לעבן
האָט באַשטימט מיר זין און דין,
אויסגעטאָקט אין יעדן אֵבר
גאַנץ באַזונדער יעדער מין.

אויפן פּאַרמעט פון מיין לעבן
איז געצייכנט יעדער שריט,
פון אַלע מיינע שווערע וועגן
אויסגעוואויגן יעדן טריט.

אין פּרוכת פון דערלעבן
בליט געראַנגל פון מיין ווערן,
און פאַרבאָרגן אין געוועבן
לייכט אַ גאָלדן־בלויער שטערן — —

ווייט אין מזרח אין דעם מדבר,
שטייט אויף זאַמד מיין פּאַלאַץ ווייס,
אויסגעבויט פון מאַרמלשטיין,
טויערן פון עלפנביין.

אַהינצו פירן ווייטע וועגן,
און פאַרפלאָנטערט לאַבירינטן,
נאָרעס געניצן אַנטקעגן,
שדים ווייזן זיך פון הינטן.

אונטערוועגנס לויערן מאָנסטערס,
שרעקן, אַז איך גיי אַליין,
און די דראַכן אין די היילן
קריצן אַלע מיט די ציין.

באַפאַלט צומאָל מיך ווילד אַ טיגער,
ווייס איך – דאָס ביזטו.
איך ראַנגל ווילד זיך אין מיין טויט־שרעק,
כ׳ווייס: דו ווילסט מיין רו – –

באַווייז איך דורכצוגיין בשָלום
איבער אָפּגרונט און מִכשולים —
באַלייכט מיין פּאַלאַץ פון זיין טורעם
אַלע וויסטע בערג און טאָלן — —

צו מיין פּאַלאַץ פירן טרעפּן,
אַלאַבאַסטער און פּלאַטין.
גייען פרויען וואַסער שעפּן,
איינגעהילט אין מוסעלין.

און די טרעפּן פירן הויך,
יעדער טריט באַטרעט אַ רוים,
באַשאַפּן און מיט גאָלד פּאַרוועבט,
און באַלויכטן פון אַ טרוים — —

אין רוקן־בערג אַריינגעביסן
נאַקעטע קליפּן אויף אַ ברעג,
שטורם געשליפן, רויע ריסן
גלאָצן פינסטער ווי פון שרעק.

און צופוסן — אָן אַן אויפהער,
שטראָמט אין רוישן טונקלער תהום,
שטאָקט צומאָל אין טיפסטן ברויזן,
שטעלט זיך אָפּ פאַרגליווערט קוים.

זעלטן גיי איך דאָרט אַליין,
ווייל איך שרעק זיך פאַר זיין אומרו,
ווייל כ׳האָב מורא פאַר די שטורעמס,
מער נאָך פאַר זיין רו...

ווען עס פונקט פון ווייט אַקעגן
גרינע אויבערפלאַך און פלוט,
וואו עס בלאָנדזשען סאָמנאַמבולע
אָנגעטראָפן אויף מיין רוט;

ווען רויטע קוילן גליען פינסטער,
אויסגערופן פון דער נאַכט —
אויגן — היילן פון געשפּענסטער,
ווען מיין היים איז אומבאַוואַכט —

דעמאָלט האָב איך מַמש מורא,
דעמאָלט פֿאַלט אַן אֵימה בלינד,
ווען עס בלאָזט פֿון טיפֿסטן אָפּגרונט
ביי מיין שוועל אַ בייזער ווינט — —

מיין פוס איז דיין, דו זאַפּטיג זיסע ערד,
און יעדער שריט
לייגט אַ פרישן חותם מיט זיין טריט
פון אַלץ באַנייטן בונד מיט דיר,
און יעדעס נייגן פון מיין לייב
בייגט זיך טיף,
כּדי דערלאַנגען צו דיין שֶפע,
ווי דאָס כוואַליען פון די זאַנגען פאַרן שניט.

מיין בלוט באַלאַנגט צום גרויסן יַם,
אָפט צעבושעוועט ווי ער,
און טיפע רו צומאָל פאַראַן,
אָפּטער נאָך פון גרויל צושטערט — —
בויט און בליט, אַלץ ווי באַשערט,
און ווערט פאַרטריפט און ניי דערנערט — —

איך באַלאַנג צו דיר,
דו גאָלדענע זון,
ווי מיינע אויגן מיר —
וואָס טרינקען ליכט און גאָלד און גלוט,
און שווערע בּרָכות פון דיין גוטס.

און צו מיר,
צו מיר אַליין,

צו חיות, בלומען,
אַפילו צו א יעדן שטיין,
געהערט דער ווייטער נס נאָר פון איין לעבן,
אין וואַרימען איינהיל פון אַ לײַב,
דערהאַלטן אינם קליינעם תחום פון גוף — —
ביז צום גרעניץ פון אַן איבערגאַנג
אין אומענדליכן צוזאַמענהאַנג — —

ס טרעפט אויף מיינע ווייטע וועגן,
אַז איך פאַל אַרויס פון ראָד,
אין ברייטן טראַקט זיך ניט באַגעגנט,
אויסגעפּעלט זיך גראָד.

ליג איך אויף אַ פרעמדן ראַנד,
אָן רו, —
איך האָב די שָעה, דעם טאַקט פאַרזאַמט
ערגעץ וואו.

ציען פלעכן טויזנט איילן –
וויפיל מעסט מיין לאַנגער וועג ?
איינגעוויקלט מייל נאָך מיילן,
אַ יְריעה אָן אַ ברעג...

און רמָזים נאָר און צייכנס,
הויך געוויזן איבער מיר.
כ׳מוז דערגיין אַ שווערן פּירוש.
ליכט און שאָטן און קאָליר...

דרינען שלאָפן מיינע גורל׳ס,
איינגעוויגט אין מיין געביין.
אין מיטן נאַכט אין אָרון קודש
גליט דאָרט אויס מיין הייס געוויין...

כ׳בין אַ יורש פון פאַרגעסענע
פילע הונדערט־טויזנט נעכטנס פון דער וועלט.
כ׳בין אַ יורש פון באַזעסענע,
ליכט און שאָטנס אויסגעלאָשענע,
פון אַלטע אוצרות גלות־געגאָסענע,
און בלאַנק־געשליפן פון מאָמענט...

כ׳בין אַ יורש שוין פון כּמה הונדערט דורות,
פון גלאַנץ און שרָרות און פון קנעכטשאַפט,
פון געהויפטע בערג און טאָלן,
פון הויכע זיילן פון אמונה,
פון חורבה און פון נייבאַגין...

כ׳בין דער יורש נאָך פון יענע פייערן,
פון די דונערן און בליצן,
ביים באַשאַף פון עלעמענט,
פון פעך און שוועבל, תהום און כאַאָס.
ערץ און אָניקס און גראַניט,
און ווילדן אויסברוך און געזעצן,
אינם לויף פון אַלע שטערן — —
כ׳בין געשטאַנען ביי גאָטס וויג — —

אינהאלט:

ווען איך קוק זיך איין 5
כ׳האב געזען א טונקעלן פונק 6
אויף פליגלען פון א האלבן שלאף 7
איך געדענק נאך 8
דיין גבורה 10
כ׳האב געצירט מיין ווייס געצעלט 11
זיי זאגן אז דו ביזט אין וועג 12
הייסט עס שוין, איך בענק נאך דיר 13
איך פיל זיך זיידן ווען דו ביזט דא 14
דו לאזט מיך, ליבסטער, אין דער פינסטער . . 15
ווי ס׳וואלט זיך ממש גיסן בליי 16
אלע מיינע זינען 17
כ׳האב געזען זיך לייכטן 18
און אפשר האבן מיינע ווענט 19
גלייך ס׳וואלט נעכטן נאך געווען 21
זעסט ניט מיינע פארבן 21
כ׳זוך דערגיין דיך 22
אלע גאסן זיינען שטומע 23
מארגן, ליבסטער 24
אך דו פרעגסט מיך אלץ 25

פארשלאפן קוקט ביינאכט 26
כ׳בין וואך געווען א גאנצע נאכט 27
כ׳שלייך זיך שטיל אויף פלאכע זוילן 28
ס׳וואנדערן ווענט און ווארפן שאטנס 29
ניין, איך וויל זיך מער ניט ראנגלען 30
פארוואס לייכטן אלע ליכטער 32
ס׳איז געצויגן א טונקעלער מויער 33
גאנצע מחנות ווייסע חברה 34
מצבה 35
ווייטאג 36
א קליינער שאטן אויפן ברעג 37
כ׳האב געפרובט זיך ביטער ראנגלען 38
גרויסער גאט, דו מעסט מיך אלץ 39
איך ווייס דאך, גאט, דו ווילסט מיך פרובן . . 40
גרויסער גאט, דו זעסט מיך ווידער 41
כ׳קען ניט זאגן האסט געלאזט מיך 42
כ׳האב געטובלט מיינע גלידער 43
איך בין זיך מודה אז כ׳האב מורא 44
דער שווערער פארהאנג פון ווערלור 45
לעש ניט אויס פאר מיר די נאכט 46
דו האסט מיך אנגעפילט 47
היינט ביינאכט צום ערשטן מאל 48
גאנץ רונד האט מיין פלאכע האנט 49
איך בין נאר א געפעס 50
א גאנצע נאכט שטייט א מלאך 51
פון טאג צו טאג אין די פארוואנדלונגען . . . 52
אין ווייכע וועלן פליט די נאכט 53
אך, עס ציט זיך א מהלך 54

טרעפט א מאל זיך אויף מיין וועג 55
פארזאמט אמאל מיין קליינער שריט 57
כ׳האב באגעגנט מיינע לעבנס 58
ווען איך ווייס ניט אז איך וויג זיך 59
איך פיל דיין ליכט 60
דו — ווידערקול און ווידערשיין 62
דו ! 64
גרויסער גאט פון סוד און גורל 66
איך בין ערגעץ לאנג שוין אונטערוועגנס 67
אויסגעגלייזט פון גאלדן ליכט 68
אפגעטעמפטע די קאלירן 69
איך גליטש זיך לאנגזאם דורך די רגע׳ס 70
דער הארטער פארמעט פון מיין לעבן 71
ווייט אין מזרח 72
באווייז איך דורכצוגיין בשלום 73
אין רוקן־בערג אריינגעביסן 74
מיין פוס איז דיין 76
עס טרעפט אויף מיינע ווייטע וועגן 78
ציען פלעכן טויזנט איילן 79
כ׳בין א יורש 80

דרוקפעלער: ז׳ 9 ש׳ 1 — אנשטאט „דיין״ — „ז י י ן״.

פריער ארויס:

מלכה לאקער

וועלט און מענטש

לידער

פארוואָרט פון חיים ליבערמאן

פארלאג „טריאנגל“, פאריז
פרייז 30 פראנק (6 שילינג)

Editions "LE TRIANGLE"
S, Rue Stanislas, Paris 6